**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/09/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול זאגט צו נאך 3 מיליאן דאלאר אין עמערדזשענסי הילף פאר היים אייגנטימער אין האדסאן וואלי, נארט קאנטרי און פינגער לעיקס ראיאנען באטראפן דורך לעצטיגע פארפלייצונגען

***היים אייגנטימער מיט נידעריגע ביז מיטלמעסיגע איינקונפט אין קלינטאן, עסעקס, העמילטאן, אָנטאַריאו, פּאָטנעם, ראקלענד און וועסטשעסטער קאונטיס יעצט בארעכטיגט פאר גרענטס ביז $50,000 פאר קוואליפיצירנדע פארפלייצונג פאררעכטונגען***

***אפליקאציע צו ארויסקומען דעם פרייטאג, אוגוסט 11 – פראגראם אינפארמאציע פארעפנטליכט דא***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו שטיצן ניו יארקער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך היסטארישע טויטליכע פארפלייצונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ביז 3 מיליאן דאלאר אין עמערדזשענסי הילף וועלן זיין צו באקומען פאר בארעכטיגטע היים אייגנטימער אין אכט קאונטיס וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך פארפלייצונגען און לעצטיגע שטורעם שאדן. די סטעיט געלטער וועלן צושטעלן עמערדזשענסי פאררעכטונג גרענטס פאר היים אייגנטימער וועלכע האבן אריינגעכאפט שאדנס צו זייער הויפט וואוינונג אין די פאלגנדע קאונטיס: קלינטאן, עסעקס און העמילטאן אין די נארט קאנטרי; אָנטאַריאו אין די פינגער לעיקס; און דאָטשעס, פּאָטנעם, ראקלענד און וועסטשעסטער אין די האדסאן וואלי. די געלטער קומען אין צוגאב צו די 3 מיליאן דאלאר וואס איז אנאנסירט געווארן דורך גאווערנער האקול לעצטע חודש צו ארויסהעלפן היים אייגנטימער וועלכע זענען אפעקטירט געווארן דורך די היסטארישן פארפלייצונגען.

"די צוגעקומענע פינאנצירונג וועט העלפן ברענגען פארלייכטערונג פאר מער ניו יארקער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די חורבנות-אנזייענדע פארפלייצונגען אזוי ווי זיי ארבעטן צו פאררעכטן זייערע היימער און זיך צוריקצוקערן צו זייערע נארמאלע לעבנס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע בלייבט פארפליכטעט צו ארויסהעלפן ניו יארקער אין סיי וועלכע וועג וואס איז נאר מעגליך אלץ טייל פון די ערהוילונג אונטערנעמונג, נאכפאלגנדיג די היסטארישע שטורעם לעצטע חודש."

די עמערדזשענסי גרענט געלטער וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן וועלן דעקן שאדנס וועלכע זענען געשעהן צו א הויפט וואוינונג פון היים אייגנטימער וועלכע קומען נאך די איינקונפט כללים פון דעם פראגראם. ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) וועט אויפזעהן איבער דעם פראגראם וואס וועט פארטיילט ווערן דורך עטליכע נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס אין יעדע קאונטי.

היים אייגנטימער אין די אפעקטירטע ראיאנען קענען אפּלייען צו באקומען פינאנצירונג צו דעקן די קאסטן פון דרינגנדע פאררעכטונגען וואס זענען נויטיג צו ברענגען זייערע וואוינונגען צו א זיכערע און וואוינבארע צושטאנד. בארעכטיגט ארבעט קען אריינרעכענען פאררעכטן אדער ערזעצן עלעקטרישע און פלאמבינג

סיסטעמען, הייצונג סיסטעמען און אפּלייענסעס, די פאדלאגעס, 'דרייוואָל', אינסולעישען, פענסטער, טירן, סיידינג און דעכער. א פולע ליסטע פון פאררעכטונגען וואס זענען קוואליפיצירט און תנאים צו זיין בארעכטיגט זענען פארעפנטליכט אויף די HCR פארפלייצונג פראגראם וועבזייטל.

גרענטס פון ביז $50,000 וועלן פארטיילט ווערן לויט די פארנעם פון די פארלאנגטע ארבעט וואס ווערט באשטעטיגט דורך די לאקאלע פראגראם אנפירער. אפליקאנטן מוזן זיין היים אייגנטימער וועמען'ס הויפט וואוינונג איז אין איינס פון די אכט דעזיגנירטע קאונטיס און וועמען'ס איינקונפט איז אזויפיל ווי 80 פראצענט אדער מער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די פרעצעדענטלאזע וועטערס וואס מיר גייען אריבער לייגן ארויף אן אומערווארטעטע פינאנציעלע לאסט אויף צופיל היים אייגנטימער. מיר ווייסן אז גאווערנער האקול האט געשטעלט האוזינג אלץ א הויפט פריאריטעט פאר איר אדמיניסטראציע, און היינט ווייזט זי נאכמאל ארויס די פארפליכטונג דורכן צוטיילן מיטלען וועלכע וועלן למעשה ערלויבן ניו יארקער צו בלייבן זיכערערהייט אין די קאמיוניטיס און היימער וואס זיי האבן ליב."

**סטעיט סענאטארשע פעם העלמינג האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר אנטווארט מיטן צושטעלן די הילף פאר די נאענטע טעג פאר היים אייגנטימער. עס איז מיין האפענונג אז די געלטער וועלן גיבן פאר מענטשן און פאמיליעס אן עטוואסע פארלייכטערונג פון די פינאנציעלע אנגעצויגנקייט פון די סיטואציע. איך אנערקען אז עס וועט מעגליך נישט העלפן יעדן איינעם, און מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן מיט אנדערע שותפים צו פארבינדן איינוואוינער מיט הילפס-מיטלען."

**אסעמבלי מיטגליד דזשעף גלעהען האט געזאגט,** "די אנאנס איז פריידיגע נייעס. נאכן זיין מיט גאווערנער האקול דעם אינדערפרי נאך די היסטארישע פארפלייצונגען אין קענענדעיגווע, בין איך פרייליך אז מיר האבן פארזיכערט פאר אָנטאַריאו קאונטי היים אייגנטימער די פינאנצירונג פאר זייערע שאדנס וואס זענען שוין בעפאר צוגעשטעלט געווארן פאר אראנדזש קאונטי איינוואוינער. קענענדעיגווע האט קיינמאל נישט געזעהן די שטאפל פון פארפלייצונגען און שאדן בעפאר, און האפנטליך וועט זי קיינמאל מער נישט דאס זעהן. עס איז גאר וויכטיג אז מיר זאלן צוריק בויען כדי צו היטן אויף אָנטאַריאו קאונטי אלץ א געוואלדיגע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און אויפציהען א פאמיליע. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער צו ארויסהעלפן יעדן איינעם וואס איז אפעקטירט געווארן דורך די קאטאסטראפישע פארפלייצונגען."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאטימער האט געזאגט,** "דאס איז גוטע נייעס פאר וועסטשעסטער קאונטי איינוואוינער, באזונדערס פאר די אין די קאמיוניטיס וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן ווי יארקטאון, אסינינג, קארטלאנד און פּיקסקיל. די שטיצע פון די פעדעראלע רעגירונג איז קריטיש צו העלפן היים אייגנטימער צוריק צוזאמשטעלן זייערע לעבנס. מיר ווילן באדאנקען גאווערנער קעטי האקול פאר איר פירערשאפט און שטיצע ביים העלפן אונזערע איינוואוינער זיך ערהוילן און זיך צוריק אויפבויען."

**דאָטשעס קאונטי עקזעקיוטיוו מארק מאלינאַראָו האט געזאגט,** "דאס איז פריידיגע נייעס, און מיר באדאנקען די גאווערנער פארן זיך אפרופן צו אונזער פארלאנג און פארברייטערן די הילף צו אריינרעכענען אונזערע דאָטשעס קאונטי איינוואוינער וועלכע זענען שווער באטראפן געווארן דורך די קאטאסטראפע. מיר זענען דאנקבאר פאר די סטעיט'ס אינטערווענץ און שטיצע."

**ראקלענד קאונטי עקזעקיוטיוו עד דעי האט געזאגט,** "מיין אדמיניסטראציע פילט מיט מיט די פאמיליעס וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די לעצטיגע שטורעם, און איך דרוק אויס א טיפע דאנק

פאר גאווערנער קעטי האקול און פאר איר מאנשאפט פארן געדענקען די איינוואוינער וועלכע באגייען זיך נאך מיט די נאכווייען. מיר מוטיגן איינוואוינער וועלכע נויטיגן זיך אין פינאנציעלע שטיצע צו אפלייען פאר די הילף וואס איז יעצט דא צו באקומען פון די ניו יארק סטעיט רעגירונג."

**פאַטנעם קאונטי עקזעקיוטיוו קעווין בירן האט געזאגט,** "לעצטע חודש איז פאַטנעם קאונטי געשלאגן געווארן דורך שווערע רעגן גאסן און היסטארישן פארפלייצונגען. פילע איינוואוינער האבן אריינגעכאפט שווערע שאדנס צו זייער פערזענליכע פארמעגן, און זיי נויטיגן זיך אין נאך הילף, און דערפאר איז דאס אוודאי פריידיגע נייעס. איך באדאנק גאווערנער האקול און איר מאנשאפט ביי די DHSES פארן ארויפשארן די ארבל און צושטעלן נאך הילף פון די סטעיט רעגירונג צו העלפן היים אייגנטימער און פאמיליעס וועלכע ראנגלען זיך נאך זיך צוריק צו אויפבויען א חודש שפעטער. מיר טיילן נאכאלץ אקטיווערהייט מיט אינפארמאציע מיט די סטעיט און פעדעראלע רעגירונגען צו שטיצן אונזערע קאנגרעס פארטרעטער'ס באמיאונגען צו צוריקברענגען נאך הילף פון FEMA."

**אָנטאַריאו קאונטי באורד אָוו סופערוויזארס פארזיצער, טאד קעמפבעל האט געזאגט,** "איבער 180 פריוואטע היימער און אפארטמענטס אין אָנטאַריאו קאונטי זענען באטראפן געווארן דורך די שווערע רעגן שטורעם אום יולי 9. אונזער קאמיוניטי האט זיך פאראייניגט אין מערקווירדיגע וועגן צו ארויסהעלפן מיט די אפרופונג און רייניגונג באמיאונגען. אָנטאַריאו קאונטי איז דאנקבאר אז גאווערנער האקול שטעלט צו די געלטער פאר היים אייגנטימער צו ארויסהעלפן אין זייער פארשריט זיך צוריק צו אויפבויען."

**פארזיצער פון די העמילטאן קאונטי באורד אָוו סופערווייזארס, ברייען וועלס, האט געזאגט,** "העמילטאן קאונטי וויל באדאנקען גאווערנער האקול און אירע איינגעשטעלטע פארן ווידעראמאל שטיצן אונזערע עדיראַנדעק קאמיוניטיס. אנגעהויבן פון זייער שנעלע אנטווארט דורכאויס און נאך די פארפלייצונגען ביז איר אנגייענדע פינאנציעלע און אדמיניסטראטיווע שטיצע — זענען מיר גאר דאנקבאר פאר איר איבערגעגעבנקייט צו גאנץ ניו יארק."

**עסעקס קאונטי טשעירמאן, שאן גילילענד, האט געזאגט,** "עסעקס קאונטי איז געוואלדיג דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר די צוגעקומענע מיטלען פאר קאונטי איינוואוינער וועמען'ס פארמעגנס זענען געשעדיגט געווארן אין די ברייט-פארשפרייטע פארפלייצונגען און באדייטנדע לעצטיגע שטורעמס. אונזער גרויסע קאונטי האט געליטן פון היבש פארשפרייטע און אויך נקודות'דיגע שאדנס אין עטליכע שטעט און דערפער. עסעקס קאונטי איז נישט אליין ווען ניו יארק סטעיט איז אויף אונזער זייט אזוי ווי מיר גייען אריבער מער און מער פרעצעדענטלאזע וועטער פאסירונגען."

**קלינטאן קאונטי לעגיסלאטור טשעירמאן, מארק הענרי, האט געזאגט,** "מיר באגרוסן די נויטיגע הילף און מיר זענען דאנקבאר פאר די גאווערנער פאר די גאר-נויטיגע הילף פאר אונזערע היים אייגנטימער. און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט ניו יארק סטעיט און מיט די גאווערנער צו פארשאפן נאך הילף פאר אונזערע לאקאלע רעגירונגען פון די יולי פארפלייצונגען אינצידענטן."

**קענענדעיגוועע מעיאר באב פאלומבאָו האט געזאגט,** "אין נאמען פון די וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן פון די שטורעם אום יולי 9, וויל איך באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר אנטווארט מיט פינאנציעלע הילף פאר היים אייגנטימער. די געלטער וועלן גיין א לאנגע וועג ביים פארלייכטערן די אנגעצויגנקייט פון "וויאזוי וועל איך באצאלן פאר נויטיגע פאררעכטונגען" וואס מיר האבן געהערט פון אזויפיל מענטשן."

**קענענדעיגוועע טאון סופערווייזאר דזשערעד סימפסאן האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול, סענאטארשע העלמינג און אסעמבלי מאן געלעהען פאר זייער געטריישאפט צו די איינוואוינער פון אָנטאַריאו קאונטי. די געלטער וועלן ערלויבן די וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן זיך

צוריקצושטעלן אויף די פיס אזוי ווי זיי ארבעטן דורך די צוריקבויאונג פראצעדור. דאס זענען אלע שטאפלען פון רעגירונג ארבעטנדיג צוזאמען צו צושטעלן די גאר-נויטיגע פארלייכטערונג פאר די שטייער-באצאלנדע בירגער פון די טאון אָוו קענענדעיגווע און די ארומיגע קאמיוניטיס וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די פארפלייצונגען."

בארעכטיגטע היים אייגנטימער קענען אפלייען פאר פינאנצירונג אנגעהויבן פון פרייטאג, אוגוסט 11. באזוכט hcr.ny.gov/ahc-flood-assistance-program פאר מער איינצלהייטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418